# רוף פארשריפט אויף צוריקדרייען די פאבליק געזונטהייט עמערדזשענסי

**ענין קיצור**

וויכטיגע ענדערונגען קומען. נייע פעדעראלע געזעצן וועלן פאדערן ניו יארק סטעיט אנצוהייבן איבערבאשטימען בארעכטיגונג פאר פובליק פראגראמען אין די פרילינג פון 2023. איינגעשריבענע אין Medicaid, Child Health Plus (CHP) און די Essential Plan (EP) האבן נישט געדארפט באנייען זייער העלט אינשורענס זינט אנהייב 2020 צוליב די קאוויד-19 פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי (PHE) אנגייענדע דעקונג פאדערונגען פאר די פובליק פראגראמען, וועלכע זענען געווארן אנגענומען דורך די פאמיליעס ערשט קאראנא ווייררוס ענטפער אקט אין מערץ 2020. פונדעסטוועגן, האט די דעצעמבער 2022 פאראייניגטע אויסטיילונגען אקט ארייגערעכנט נייע געזעצן ענדיגנדיג די אנגייענדע דעקונג פאדערונגען אנגעהויבן פרילינג 2023.

אנגעהויבן אין פרילינג 2023, וועלן באנייאונג מעלדונגען ווערן ארויסגעשיקט צו איינגעשריבענע אין די פראגראמען באזירט אויף זייער איינשרייבן ענדע דאטום. באנייאונג מעלדונגען וועלן ענטהאלטן די דעדליין צו נעמען שריט צו באנייען זייער אינשורענס אדער ריזיקע צו האבן א לאך אין דעקונג. דעדליינס וועלן זיין באזירט אויף די איינגעשריבענע'ס איינשרייבן ענדע דאטום און וועלן זיין צווישן יוני 30, 2023 ביז מאי 31, 2024.

**פראגעס און ענטפערס**

**פראגע: וויאזוי קען איך צוגרייטן פאר דעם טויש?**

<u>אויב איר האט זיך איינגעשריבן דורך NY State of Health:</u> מאכט זיכער אז NY State of Health האט אייער יעצטיגע פאסט אדרעס, טעלעפאן נומער, און אימעיל אדרעס אז זיי זאלן זיך קענען פארבינדן מיט אייך איבער אייער העלט אינשורענס. צו אפדעיט'ן אייער אינפארמאציע:

- רופט NY State of Health אויף 1-855-355-5777 (TTY: 1-800-662-1220)
- לאג'ט אריין אין אייער אקאונט אויף [nystateofhealth.ny.gov](nystateofhealth.ny.gov), אדער
- פארבינדט זיך מיט אן איינשרייבונג געהילף אויב איר האט נישט איינס, קענט איר געפונען איינס אויף[https://info.nystateofhealth.ny.gov/findassistor](https://info.nystateofhealth.ny.gov/findassistor).

שרייבט זיך איין צו באקומען טעקסט אלערטס פון די NY State of Health אז איר זאלט נישט פארפאסן וויכטיגע העלט אינשורענס אפדעיטס, אריינגערעכנט ווען עס איז צייט צו באנייען אייער דעקונג. זיך איינצושרייבן, טעקסט START צו 1-866-988-0327.

<u>אויב איר האט זיך איינגעשריבן דורך אייער לאקאלע דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס (LDSS) אדער די ניו יארק סיטי יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע (HRA)</u>: מאכט זיכער אז אייער אדרעס, טעלעפאן נומער, און אנדערע קאנטאקט אינפארמאציעאיז אפ-טו-דעיט מיט אייער LDSS אדער HRA.

- די טעלעפאן נומער און אדרעס פון יעדע LDSS און HRA איז אוועילעבל אויף [https://health.ny.gov/health_care/medicaid/ldss.htm](https://health.ny.gov/health_care/medicaid/ldss.htm).

**פראגע: וויאזוי וועל איך וויסן ווען עס איז צייט צו באנייען מיין העלט אינשורענס?**

איר וועט באקומען א מעלדונג און אנדערע קאמיוניקאציע ווען עס איז צייט צו באנייען העלט אינשורענס פאר זיך און/אדער אייער פאמיליע מיטגלידער. פאלגט נאך די אנווייזונגען ביי די דאטום געשריבן אויף אייער מעלדונג.

**פראגע: וואו קען איך טרעפן אינפארמאציע איבער מיין איינשרייבן ענדע דאטום?**

איר וועט באקומען אייער באנייאונג מעלדונג פאר אייער איינשרייבן ענדע דאטום. אייער איינשרייבן ענדע דאטום איז די דאטום וואס אייער אינשורענס וועט זיך ענדיגן אויב איר פאלגט נישט אויס די אנווייזונגען אויף אייער באנייאונג מעלדונג.

- אויב איר זענט איינגעשריבן אין Medicaid, Child Health Plus, אדער די Essential Plan דורך NY State of Health, קענט איר טרעפן אייער איינשרייבן ענדע דאטום אויף די פאלגענדע וועגן:
  - לאגט אריין אין אייער NY State of Health אקאונט ביי [nystateofhealth.ny.gov](nystateofhealth.ny.gov), דערנאך קליקט די "פלענס" טעב אויבן פון די סקרין.
  - רופט די קאסטומער סערוויס צענטער אויף 1-855-355-5777.
  - פארבינדט זיך מיט אייער איינשרייבונג געהילף. אויב איר ארבעט נאכנישט מיט אן איינשרייבונג געהילף, טרעפט איינס ביי [https://info.nystateofhealth.ny.gov/findassistor](https://info.nystateofhealth.ny.gov/findassistor).
- אויב איר האט זיך איינגעשריבן אין Medicaid דורך אייער קאונטי'ס לאקאלע דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס (LDSS) אדער די ניו יארק סיטי יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע (HRA), קענט איר זיך פארבינדן מיט יענע אפיס צו פרעגן וואס אייער איינשרייבן ענדע דאטום איז. קאנטאקט אינפארמאציע איז אוועילעבל ביי [https://www.health.ny.gov/health_care/medicaid/ldss.htm](https://www.health.ny.gov/health_care/medicaid/ldss.htm).

**פראגע: וואו קען איך טרעפן נאך אינפארמאציע?**

- אויב איר זענט איינגעשריבן אין מעדיקעיד, טשיילד העלט פלאס, און די עסענטשעל פלאן דורך NY State of Health, רופט 1-855-355-5777 (TTY: 1-800-662-1220) מיט סיי וועלכע פראגעס וואס איר האט. איר קענט אויך לערנען מער איבער דעם אויף [https://info.nystateofhealth.ny.gov/COVID-19-Changes](https://info.nystateofhealth.ny.gov/COVID-19-Changes).
- אויב איר האט זיך איינגעשריבן אין Medicaid דורך אייער קאונטי'ס לאקאלע דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס (LDSS) אדער די ניו יארק סיטי יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע (HRA), פארבינדט זיך מיט יענע אפיס מיט סיי וועלכע פראגעס וואס איר האט. איר קענט אויך לערנען מער איבער דעם אויף [https://www.health.ny.gov/health_care/medicaid/changes](https://www.health.ny.gov/health_care/medicaid/changes).